בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תבא תשפ"א** | **שבת סליחות** | **גליון 615 [שנה י"ג]**

**די ברכה פון עשירות קומט נאר מיט שמחה**

וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וגו': (כ"ו י"ב) דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין פון וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב? נאר עס שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני פרשת ראה רמז תתצ"ב) **אין טוב אלא תורה**, אזוי ווי עס שטייט (משלי ד ב) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ: **לפיכך משה מזהיר את ישראל** (דברים יד כב) עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר. ע"כ המדרש, זעהט מען אז די פרשה רעדט זיך אז משה דארף באווארענען די אידן צו געבן מעשר, וְנָתַתָּה לַלֵּוִי, מיט שמחה וטוב לב, און ווייל עס שטייט אין מס' (תענית דף ט' ע"א) **עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר**, איז דאס א ברכה, און א ברכה קען נאר קומען אויב מען טוט דאס מיט שמחה וטוב לב, ממילא עשירות פון מעשר דארף געגעבן ווערן אויך מיט שמחה, דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב, **ואין טוב אלא תורה**, ווייל תורה איז משמח דעם לב, אזוי ווי עס שטייט (תהלים י"ט ט') פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב, דעריבער אויב משה וועט זיין בשמחה, ווען ער איז מזהיר אויף געבן מעשר, און זיין בשמחה דורך זיין לערנען תורה, וועט ער אויך משפיע זיין אז די אידן וועלן געבן זייער מעשר מתוך שמחה, וועט אויך חל זיין די ברכה פון עשירות. (ברכת אברהם הר' אברהם צבי ווייס דיין בעיר סאטמאר)

**דורך לערנען תורה באקומט מען בטחון בה'**

וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב: (כ"ו י"ב) צו פארשטיין דעם ענין פון וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב, שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני פרשת ראה רמז תתצ"ב) **פשט אין פסוק** (תהלים לז ג) בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב: איז כאילו עס שטייט עֲשֵׂה טוֹב וּבְטַח בַּה', דאס מיינט דורך וואס א מענטש וועט טאן גוטע מעשים, קען ער זיין פארזיכערט אז דער אויבערשטער וועט אים היטן און קיין שלעכט'ס וועט נישט קומען אויף אים, ע"כ המדרש, עד"ז קען מען מסביר זיין וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב דורך וואס דוא וועסט טאן גוטע מעשים, וועסטו אויך זיין בשמחה, ווייל דער אויבערשטער וועט דיר היטן פון אלעס, און דאס שטייט אויך אין פסוק (דברים יב י) וְהֵנִיחַ לָכֶם מִכָּל אֹיְבֵיכֶם מִסָּבִיב וִישַׁבְתֶּם בֶּטַח: דער אויבערשטער וועט היטן, ממילא וְהָיָה הַמָּקוֹם, אין וְהָיָה אלא לשון שמחה, מען קען אויך זאגן פשט וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב. ע"ד **אין טוב אלא תורה**, (משלי ד ב) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם, דורך לערנען תורה וועט א מענטש ווערן בשמחה, און ווען א מענטש איז בשמחה, ווערט ער נענטער צום אויבערשטן, ממילא איז ער בוטח בה', און דאס קען זיין פשט אין פסוק (תהלים לז ג) בְּטַח בַּה' וַעֲשֵׂה טוֹב, דורך לערנען תורה וואס הייסט טוֹב, אבער נישט סתם לערנען נאר הארעווען אין תורה, ווייל עֲשֵׂה מיינט טאן, וואס דאס איז יגיעה, וועסטו זיין בשמחה, ממילא וועט זיין בְּטַח בַּה', וועט שוין אויך זיין שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה: מען וועט זיך שטארקן אין אמונה בה'. (שמח זבולון תשפ"א)

**פארוואס דארף מען דאס זאגן בקול?**

וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ (כ"ו ה) זאגט רש"י וְעָנִיתָ. לְשׁוֹן הֲרָמַת קוֹל (סוטה לב ע"ב), צו פארשטיין פארוואס דארף מען דאס זאגן מיט א הויכן קול? נאר עס איז אמאל געקומען א איד צום הייליגן בית ישראל פון גור זיע"א, וואס האט געדארפט א שטארקע בקשה פון א איד, און דער בית ישראל האט אים געהייסן אפשרייבן א לאנגעווארעמע בריוו, און יענער איד האט אים געענטפערט און דערפילט זיין בקשה, ווען ער איז געקומען דערציילן פארן רבין אז יענער האט אים געטאן די טובה, פרעגט אים דער בית ישראל צו ער האט אים באדאנקט און ווי אזוי? האט ער געזאגט איך האב אים געזאגט אדאנק, האט אים דער בית ישראל געזאגט ער זאל שוין אפשרייבן א לאנגע בריוו פאר יענעם און באדאנקען דעם זעלבן וועג ווי ער האט אים געבעטן מיט א לאנגע בריוו, און דער בית ישראל האט געזאגט אז דער ראי' איז פון דעם פסוק, ווייל דעם ענין פון ביכורים איז דאס הכרת הטוב פארן אויבערשטן אזוי ווי רש"י שרייבט וְאָמַרְתָּ אֵלָיו. שֶׁאֵינְךָ כְּפוּי טוֹבָה, יעצט ווייל דער מענטש וואס האט איינגעזייט האט ער געשריגן **אנא ה' הושיעה נא** אז זיין ארבעט זאל ארויסגעבן פירות, ממילא ווען ער קומט דאנקען דעם אויבערשטן, דארף ער דאס טאן מיטן זעלבן וועג ווי ער האט געבעטן, און דאס דארף זיין מיטן קול, דעריבער האט אויסגעפירט דער בית ישראל, דארפסטו אויך צוריק שרייבן א דאנק אלץ הכרת הטוב מיטן זעלבן לאנגע בריוו פון דיין בקשה. (ליקוטי יהודה החדש מהחסיד ר' יהודה ליב היינה)

**מקיים זיין יעצט א מצוה אפילו עס איז נאר שייך שפעטער**

הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת אֶת הַחֻקִּים הָאֵלֶּה וְאֶת הַמִּשְׁפָּטִים וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ אוֹתָם בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ: (כ"ו י"ב) עס זענען דא עטליכע דיוקים אין דעם פסוק ערשטנ'ס שטייט הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת, היינטיגער טאג האט דער אויבערשטער דיר באפוילן דאס צו טאן, אבער באמת דער ציווי איז געווען אויף פערצן יאר שפעטער, פון ווען די אידן וועלן אריינגיין אין א"י און דאס איינעמען, דעמאלטס וועט זיין דער ענין פון ווידוי מעשר, אויב אזוי וואס איז פשט הַיּוֹם הַזֶּה? אויך איז שווער וואס איז דער כפל הלשון וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ – [דאס פרעגט מען אויך אין פרשת עקב (ז יב) אויפן פסוק וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וגו' וואס איז אויך א כפל הלשון המו"ל]– נאך א דיוק, פארוואס שטייט וְעָשִׂיתָ אוֹתָם "בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ"? נאר מען קען ענטפערן: וְשָׁמַרְתָּ, דאס מיינט זיי האבן שוין גלייך געווארט ווען זיי וועלן שוין קענען מקיים זיין דעם ציווי –אזוי ווי עס שטייט ואביו שמר אז הדבר ער האט געווארט ווען וועט דאס שוין זיין– ממילא דאס קען זיין פשט אין פסוק הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת, היינט גיב איך אייך דעם באפעל פון ווידוי מעשר, איי וועט דאס נאר זיין אין פערצן יאר ארום, זאגט זיי משה, אבער אויב וְשָׁמַרְתָּ, איר וועט שוין יעצטווארטן און האפן ווען קען מען שוין מקיים זיין די מצוה, וועט זיין גערעכנט ביים אויבערשטן אזוי ווי וְעָשִׂיתָ, איר האט יעצט דאס מקיים געווען, אבער נאר בתנאי אז איר וועט דאס מיינען בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ אז באמת ווילט איר שוין יעצט דאס מקיים זיין, וועט זיין גערעכנט אזוי ווי הַיּוֹם הַזֶּה און וְעָשִׂיתָ. (עוד יוסף חי להבן איש חי)

דער מהלך שטייט אויך אין ספר **סידורו של שבת** (ח"ב דרוש ד מאמר ד–ה) אויפן פסוק וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ בֶּן שְׁמֹנַת יָמִים כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים: (בראשית כ"א ד') וואס עס איז שווער פארוואס שטייט בֶּן "שְׁמֹנַת" יָמִים ווען עס וואלט געדארפט שטיין בֶּן "שְׁמֹנֶה" יָמִים, ווייל ער האט געמלה'ט נאר ביום השמיני? אויך איז שווער פארוואס שטייט דא כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים: ווען דער אויבערשטער האט אים שוין מצווה געווען ענדע פ' לך לך הִמּוֹל לָכֶם כָּל זָכָר? נאר עס שטייט אִם בְּחֻקֹּתַי

תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם: וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם: (ויקרא כ"ו ג–ד) וואס איז דער ענין פון וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם א כפל הלשון? נאר תִּשְׁמְרוּ מיינט מען וועט ווארטן יעדן מינוט ווען קען איך מקיים זיין די מצוה, אויב אזוי וועסטו מקיים זיין דיין וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, וועט דיין שכר זיין וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם:

יעצט אברהם אבינו ווען דער אויבערשטער האט אים געהייסן מלה'ן זיין זוהן ביום השמיני האט ער שוין נישט געקענט ווארטן, און גלייך ווען יצחק איז געבוירן געווארן האט ער געהאט חשק און נישט געקענט ווארטן ביז יום השמיני, קומט אויס אז אברהם האט יעדן טאג מקיים געווען דער מצוה פון מילה, דעריבער שטייט כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹקִים, פון דער מינוט וואס דער אויבערשטער האט באפוילן אז אין אכטן טאג זאל ער מקיים זיין מילה, האט ער שוין יעצט וואלט מקיים זיין קומט אויס וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ בֶּן שְׁמֹנַת יָמִים, אז אברהם האט מקיים געווען ציווי ה' אלע אכט טעג. (מלוקט ע"י המו"ל תשפ"א)

## מדור העובדות
## דער הייליגער ראדזימינער זיע"א ראטעוועט א גוי פון א שלעכטע שַׂר

הרה"ק רבי יעקב אריה פון ראדזימין זצוק"ל איז געווען א גרויסער בעל מופת און א פועל ישועות, דער הייליגער ראדזימינער איז אמאל געווארן קראנק און אליץ רפואה האט דער דאקטאר אים געשיקט קיין ווארשא צו זיין אין דעם באוואוסטן גארטן קראשינסקי וואס דארטן איז געווען א קוואל פון מינעראלישער וואסער וואס דאס פלעגט שטארקן דעם קערפער און היילן די קראנקע, און נאכדעם גיין אין גארטן מיט די שיינעביימער וואס האבן ארויסגעגעבן א גוטן ריח, האט בארוהיגט די מענטשן און אזוי האט מען זיך שנעל אויסגעהיילט. דער רבי האט געדונגען א צימער לעבן דעם גארטן און געפארן מיט זיינע משמשים בקודש. די רעגירונג האט געשטעלט א גוי וואס זאל זיין א ממונה אויפן גארטן און ער האט גענומען געלט פון די אלע מענטשן וואס האבן געקויפט פון די וואסער און אויך קענען שפאנצירן אין גארטן, און דער גוי האט געזען אז אלעם זאל זיך פירן מיט א סדר. דער רבי פון ראדזימין זייענדיג א פועל ישועות, פלעגן אסאך גויים אויך קומען נאך ישועות און דאס האט געשאפט א גרויסער קידוש ה' ברבים.

דער גוי האט גוט געקענט דעם רבין פון ראדזימין און געוואוסט אז ער איז הייליגער מענטש, און האט שטארק מכבד געווען דעם ראדזימינער רבי און געזען אז ער זאל קענען גלייך באקומען פון די וואסער און אויך ארום גיין מיט זיינע משמשים א שפאציר אין גארטן נאכן טרינקען, און מען זאל אים נישט שטערן, און אזוי איז דער רבי געווען דארטן אפאר וואכן און בעזה"י האט ער שוין אנגאנגעהויבן פילן אסאך בעסער.

איין טאג איז אנגעקומען דער הויפט פון די פאליציי פון ווארשא צוזאמען מיט זיין פרוי, געקומען טרינקען פון די וואסערן און זיך ארום שפאצירן אין דעם גארטן. אבער ווען זיי האבן זיך געטראפן אין גארטן מיטן ראדזימינער רבין פלעגט זיך דער צדיק אויסדרייען זיין קאפ נישט וועלן קוקן אויף זיי ווייל ער איז געווען א גרויסער רשע און זיין ווייב איז נישט געגאנגען אנגעטאן בצניעות, און דאס האט געבאדערט דעם הויפט פאלייציי מאן און זיין ווייב, אבער וואס קענען זיי טאן? האט דער שר מחליט געווען אז ער וועט זיך נוקם זיין אין רבין אז דער ראבינער וועט שוין מער נישט קענען קומען אין גארטן און נוצן די וואסער, און ער איז געגאנגען צו דעם גוי וואס איז געווען ממונה אויפן גארטן און אים געסטראשעט אז אויב ער וועט פארקויפן וואסער פארן ראבינער וועט ער געבן א באפעל אין די רעגירונג אז מען זאל שוין אנטזאגן דעם גוי!

דער גוי וואס האט שטארק געשעצט דעם צדיק און האט גוט געקענט די גרויסקייט פון רבין האט נישט געקענט פויעלן ביי זיך צו טשעפען דעם רבין און דעריבער האט ער זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון דעם שר און ווייטער פארקויפט וואסער פארן רבין. אין א פאר טעג ארום ווען דער שר און זיין ווייב זענען געקומען טרינקען וואסער אין גארטן און האבן געזען ווי דער גוי פארקויפט ווייטער וואסער פארן רבין און ער האט נאכאמאל געטראפן דעם רבין גיין אנטקעגן זיי און ווייטער האט דער רבי זיך אויסגעדרייט זיין קאפ און עס האט אים געדאכט אז דער רבי גיט א שפיי אויף זיי, און ער איז געווארן שטארק אין כעס און געסטראשעט דעם גוי אז ער גייט שוין פארן אין די רעגירונג און מען וועט אים אנטזאגן פון זיין אמט און מען וועט אים אויך שטארק באשטראפן פאר נישט פאלגן די הויפט פון די פאליציי!

דער גוי איז שנעל געגאנגען צום רבין און דערציילט וואס דער שר האט אים געסטראשעט, האט דער רבי אים בארוהיגט און געזאגט, ער זאל זיך נישט זארגן ווייל דער שר וועט שוין אין דעם גארטן קיינמאל נישט אריינקומען מער, און אויך אין די רעגירונג וועט ער נישט אנקומען דיר אנקלאגנען, און דער גוי האט געגלויבט אין צדיק און איז געווארן בארוהיגט, דערווייל איז דער שר מיט זיין שטארקן כעס געפארן מיט זיין וואגן זייער שנעל און האט נישט באמערקט ווי אנדערע וועגענער שטיין אין וועג און ער האט אריין געקראכט אין די אנדערע וועגענער און צוליב דעם שטארקן שטויס האט זיך דער וואגן פון שר איבער געקערט, און דער שר איז געווען אזוי אין כעס אז ער האט גענומען זיין שווערד און געשטאכן זיין בעל עגלה וואס איז געשטארבן אויפן פלאץ.

צו זיין שלעכטע מזל איז אבער געווען דארטן זייער אסאך מענטשן וואס האבן געזען ווי דער שר האט געהארגעט א אומשולדיגער מענטש, און מען האט אים געוואלט אנכאפן און צורייסן אויף שטיקער, אבער זייענדיג זייער שטארק האט ער געכאפט א פערד און מיט די לעצטע כוחות איז ער אנטלאפן, און זיך אויסבאהאלטן ביי זיין חבר אין שטוב.

אבער דערוויל איז ארוים דעם קלאנג איבער גאנץ ווארשא אז דער הויפט פון די פאליציי האט געהארגעט א אומשולדיגער מענטש, און מען האט געשטעלט צעטלאך אין אלע גאסן אז ווער עס זעהט דעם שר זאל זיך מעלדן צו די רעגירונג. ווייל מען וויל אים איינזעצען, און אז דער שר האט זיך דערוואוסט אז מען זוכט אים האט ער געמוזט אנטלויפן פון די מדינה, און אזוי איז מקויים געווארן די רייד פון צדיק פארן גוי, אז דער שר וועט שוין קיינמאל נישט צוריק קומען אין דעם גארטן. און נישט גיין אין די רעגירונג, און אזוי האט דער גוי געהאט זיין פרנסה און דער רבי האט געהאט א גאנצע רפואה. זיע"א

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עם איז א שיינע מתנה*

תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר' יעקב ארי' מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין $1500, ספר מיטן הקדשה פון חשק שלמה $1800 שו"ת חתן סופר דפוס ראשון זייער זעלטן $300, גארטל פון ר' יענקעלע מיט א אישור $18000, סעט שדה חמד גדול דפוס נו"י $300 החסידות אהרן מרכוס $100, סידור הבעש"ט $75, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ'א, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג' שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט, מיר ווינטשן אלע אידן א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים, דערוויל זעהט אויס אז דער קומענדיגן גליון וועט זיין ערשט נאך סוכות תשפ"ב הבעל"ט